בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת מְצוֹרָע

251

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וֶוען מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ מִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, וָואס טוּט מֶען? ...................................................... א

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין שְׁווִיגֶער ווִיל נִישְׁט אִיךְ זָאל דַאוֶונֶען אִין בְּרֶסְלֶב? .............................................. ב

ווִי הֵייבּ אִיךְ אָן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין? ..................... ד

דַארְף אִיךְ טוּן אַלֶע חוּמְרוֹת פוּן מַיין טַאטֶע אוּם פֶּסַח? ............. ה

מֶעג מֶען הָאבְּן אַ לֶעפְּטַאפּ אָן קַיין ווִידִיאוֹ אוּן דָאס גְלַייכְן? ........ ז

וֶועלְכֶע פּוּפְּצְן שִׁיעוּרִים הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ לֶערְנֶען? ........................................... ז

מֶעג מֶען גֵיין הֲפָצָה אִין מְסוּכָּן'דִיגֶע פְּלֶעצֶער? ....................... ט

ווִי אַזוֹי בֶּעט מֶען דֶעם מַאן עֶר זָאל זִיךְ הַאלְטְן זוֹיבֶּער? ........... יא

זָאל אִיךְ קוֹיפְן אַ בִּיקְס זִיךְ צוּ בַּאהִיטְן פוּן טֶערָאר אַטַאקֶעס?.... יב

וָואס טוּט מֶען אַז דִי מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען?.. יג

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דַיין וַוייבּ וֶועט בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כֹּחוֹת פַאר דִי קִינְדֶער ............. א

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טְרֶעפְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין דִי תּוֹרָה... א

מַיין יְשִׁיבָה אוּן כּוֹלֵל אִיז דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד ....................... ג

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּ אַייעֶר חֲתוּנָה ................... ד

דִי שֵׁייטְל זָאל זַיין אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן..........................................ה

דָאס מַאכְן דִי מַצוֹת דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם תְּפִלָּה,
הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אֱמוּנָה.................................................................ו

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הֶעלְפְן אַרוֹיס דֶעם "בֵּית הַתַּבְשִׁיל" ..................ו

דִי טֶעלֶעפָאן הַרְגְ'עֶט דִיר.....................................................ז

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן...ז

מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי פֶּערְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.......................ח

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אוֹיף דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז דוּ בִּיסְט אַרוֹיס
פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת ..........................................................................ט

זָאגְט תְּהִלִּים וֶועלְן אַוֶועק גֵיין אַלֶע אַייעֶרֶע פְּחָדִים....................י

וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיינְס? .......................................יא

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער ...................................יג

זִיךְ דֶערְהַאלְטְן טְרָאץ דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת
אוּן צָרוֹת וְיִסוּרִים..........................................................................יד

דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בְּרֶענְגֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ...............טז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וֶוען מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ מִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, וָואס טוּט מֶען?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵיידְט צוּ טְרֶעפְן דֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַּארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַזוֹיפִיל מֶער חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין, אַזוֹיפִיל רוּאִיגְקֵייט אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן צְוֵויי זַאכְן. אֵיינְס, וָואס קֶען אִיךְ טוּן וֶוען מַיין וַוייבּ אִיז אַזוֹי אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אַז זִי הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ מִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּ אִיר אוּן זִי עֶנְטְפֶערְט מִיר נִישְׁט?

צְוֵוייטְנְס, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן מוּזִיק, אָבֶער מַיין וַוייבּ הָאט עֶס נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ וֶוען עֶס אִיז אַזוֹי שְׁטִיל אִין הוֹיז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וִויסְן זָאלְסְטוּ, פְּרוּוִועֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע טֶעג; צַעַר הָעִיבּוּר, צַעַר הַלֵּידָה אוּן צַעַר גִּדּוּל וְכוּ'. וֶוען דֶער מַאן זֶעט אַז דִי וַוייבּ אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט - דַארְף עֶר אִיר הֶעלְפְן, אִיר מְחַזֵּק זַיין. אַמָאל קֶען זַיין אַז**

די וַוייב אִיז אַזוֹי אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אַז זִי הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ עֶנְטְפֶערְן, דָאךְ דַארְף דֶער מַאן מִיט חָכְמָה, מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, מִיט וַוארֶעמְקֵייט - אִיר מְחַזֵק זַיין, אִיר גֶעבְּן כֹּחַ.

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיין וַוייבּ אוּן זִי אִיז אַזוֹי אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אַז זִי הָאט נִישְׁט כֹּחַ צוּ עֶנְטְפֶערְן; דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ אִיר אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן, גֶעבּ אִיר וַוארֶעמְקֵייט בִּיז זִי וֶועט צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִירֶע כֹּחוֹת.

בְּנוֹגֵעַ מוּזִיק; אוֹיבּ דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט אָנְצִינְדְן הוֹיכֶע מוּזִיק קֶענְסְטוּ אָנְצִינְדְן פַאר דִיר שְׁטִילֶערְהֵייט מוּזִיק, מַאךְ נִישְׁט קַיין קְרִיג צוּלִיבּ דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין שְׁוִויגֶער ווִיל נִישְׁט אִיךְ זָאל דַאוֶּוענֶען אִין בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶּוענֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, בִּין אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַיֶ' פוּן פְּרִישׁ, אִיךְ בַּאקוּם אַ פְּרִישֶׁע הִתְחַזְקוּת צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ גֵיי דָארְט דַאוֶּוענֶען, אָבֶער פַאר מַיין שְׁווִיגֶער שְׁטֶערְט עֶס יָא, זִי טַעֲנָה'ט אַז אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ אַ גֶעהֶעריגֶע מְסוּדָר'דִיגֶע חֲסִידוּת, אוּן זִי הַאלְט אִין אֵיין מוּטְשֶׁען מַיין וַוייבּ דֶערְוֶועגְן, אַז זִי זָאל מִיר אִיבֶּערְרֶעדְן אִיךְ זָאל גֵיין בַּיי זֵייעֶר חֲסִידוּת, אוּן דָאס שְׁטֶערְט פַאר מַיין וַוייבּ אַז אִיר מַאמֶע מַאכְט אִיר מְשׁוּגָע וֶועגְן דֶעם.

וָואס קֶען מֶען טוּן אִין אַזַא מַצָב? מַיין וַוייבּ בֶּעט מִיר צוּמָאל אַז אִיךְ זָאל גֵיין דַאוֶּוענֶען מִיט מַיין שְׁוֶוער, אוּן אִיךְ גֶעבּ אִיר נָאךְ, אִיז דָאס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ״ו אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר, זִי אִיז נִישְׁט קַיין מִתְנַגֶּדֶת אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן; דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֵוייסְט פוּן רֶבִּי׳ן אוּן דַיין וַוייבּ אִיז דִיר נִישְׁט קַיין אָפְּהַאלְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיר דַאנְקֶען; דַאנְק אִיר אוּן לוֹיבּ אִיר, גֶעבּ אִיר אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער. אֵיינֶע פוּן דִי הוֹיפְּט שְׁלִיסְלֶען פוּן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, נִישְׁט זַיין אַ קַארְגֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

דַיין שְׁוִויגֶער זָאלְסְטוּ אוֹיךְ בַּאגִיסְן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאג אִיר: ״אִיךְ בִּין אַזוֹי דַאנְקְבַּאר אַז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דִי מִשְׁפָּחָה, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי גוּט צוּ זַיין דָא״; שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער מִישְׁן זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִינֶעם אֵיידֶעם׳ס לֶעבְּן, זֵיי ווִילְן אֵיין זַאךְ, עֶס זָאל זַיין גוּט פַאר זֵייעֶר טָאכְטֶער; וֶוען זֵיי זֶעעֶן דִי טָאכְטֶער פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, זֵיי זֶעעֶן אַז דֶער אֵיידֶעם הָאט דֶרֶךְ אֶרֶץ - וֶועלְן זֵיי שְׁטֵיין אִין דִי זַייט אוּן עֶסְן דִי נַחַת.

דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד צוּ דַיין שְׁוֶוער, זַיי אִים מְכַבֵּד - וֶועט עֶר אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן דַאוֶונֶען מִיט דִיר אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן דַיין שְׁוִויגֶער וֶועט אוֹיךְ קוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב.

לַאךְ נִישְׁט; אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין גֶעזֶען צֶענְדְלִיגֶער מָאל, ווִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען מִתְּחִלָּה גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מִתְנַגְּדִים - זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַ זוּן, אָדֶער אַן אֵיידֶעם - פוּן זֶען זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי הֵייבּ אִיךְ אָן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, פוּל מִיט חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אִיךְ הֵייבּ אָן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיטְ'ן דאַוֶונֶען; שַׁחֲרִית גֵייט גֶעוֶוענְלִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיין אִין מַיין סֵדֶר הַיּוֹם, תְּפִלִּין טוּ אִיךְ אָן גֶעוֶוענְלִיךְ אִינְדֶערְהֵיים נָאךְ דִי אַרְבֶּעט, אוֹיף מִנְחָה פְּרוּבִּיר אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְצוּקוּמֶען אִין שׁוּל, אָבֶּער רוֹב מָאל פַּארְגֶעס אִיךְ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מַעֲרִיב, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פַּארְ'ן אַרַיין גֵיין אִין בֶּעט, דאַוֶוען אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַלֶעמָאל. אוֹיךְ פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה בִּין אִיךְ זֵייעֶר וַוייט, עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן אַפָּאר מָאל אַ וָואךְ וָואס אִיךְ לֶערְן מֶערְסְטְנְס צֶען מִינוּט אוּן נִישְׁט מֶער. ווִי הוֹיבּ אִיךְ אָן? עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ טוּן אַלֶעס.

אוֹיךְ פִינַאנְצִיעֶל מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ קֶען קוּים דֶעקְן דִי טָאג טֶעגְלִיכֶע הוֹצָאוֹת, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּן מַיינֶע קְרֶעדִיט קַארְד חוֹבוֹת וָואס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן פוּן קוֹיפְן מַיין בִּילִיגֶע הוֹיז.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶוען סֵיי בְּרוּחָנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת בִּין אִיךְ טִיף אִין דֶער עֶרְד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוער עֶס דאַוֶוענְט שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן - וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, עֶס וֶועט אִים נִישְׁט פֶעלְן קַיין גֶעלְט. נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ דאַוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת, דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אַרְבֶּעט אֵיידֶער דוּ דאַוֶוענְסְט שַׁחֲרִית, אוּן גְלַייךְ בַּיים

עֶרְשְׁטְן זְמַן וֶועְן מֶען קֶען דַאוֶועגֶען מִנְחָה, אֲפִילוּ מִנְחָה גְּדוֹלָה - זָאלְסְטוּ גְּלַייךְ דַאוֶוענֶען, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט מַעֲרִיב, גְּלַייךְ וֶוען מֶען קֶען דַאוֶוענֶען, בַּיים פְּרִיסְטְן זְמַן זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען - וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן בַּיי דִיר צוּם גוּטְן.

מַאךְ עֶס נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער, דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח) עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען דִי אִידְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעוָואלְט צוּנֶעמֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ בַּארְג אוֹיף דִי דְרֵיי פַּרְסָה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרִינְג אוּן אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט; דָאס לֶערְנֶען אוּנְז דִי צַדִּיקִים, מִיר זָאלְן אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִין שׁוּל, אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן גֵיין דַאוֶוענֶען - וֶועט מֶען זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַארְף אִיךְ טוּן אַלֶע חוּמְרוֹת פוּן מַיין טַאטֶע אוּם פֶּסַח?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב אִיךְ דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת וָואס מַיין טַאטֶע פִירְט זִיךְ אוּם פֶּסַח?

אִיךְ הָאב שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה, מִיר מַאכְן דֶעם פֶּסַח בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיב אִיךְ מוּז נָאכְמַאכְן אַלֶע חוּמְרוֹת פוּן מַיין טַאטֶע. אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן עֶסְן גֶעבְּרָאקְטְס אוּן דָאס גְלַייכְן, נָאר אַזֶעלְכֶע חוּמְרוֹת ווִי לְמָשָׁל נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין גֶעקוֹיפְטֶע זַאכְן, מִילְכִיגֶע פְּרָאדוּקְטְן, טְשָׁאקָאלַאד, אוּן נָאךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה), אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח - הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט: "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג אוּן אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעוִויסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' - בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם טָעוּת, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז מִיר בֵּייגֶעפַאלְן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?'" דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער דוּרְכְאוֹיס גַאנְץ יוֹם טוֹב עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, "הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'דִי בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען קְוַואל וַואסֶער', וַוייל אַ קְוַואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ", אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעווּאוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיינְס".

מִיט דֶעם אַלֶעם פְלֶעגְט מוֹהֲרַנְ"ש זָאגְן מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פֶּסַח נִישְׁט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען דִי נָאכְגֶעמַאכְטֶע זַאכְן פוּן חָמֵץ. דֶער רֶבִּי הָאט

טַאקֶע נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן הָאבְּן חוּמְרוֹת, אָבֶּער מֶען דַארְף וויסְן מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן פֶּסַח "פִּיצָא", אֲפִילוּ עֶס אִיז גֶעמַאכְט כָּשֵׁר לְפֶּסַח. אוֹיךְ זֶענֶען מִיר מַקְפִּיד אוֹיף בְּרָאקֶן, מִיר בְּרָאקֶן נִישְׁט פֶּסַח נָאר אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, אוֹיךְ זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אָפְּצוּשֵׁיילְן דִי יְרָקוֹת אוּן פֵּירוֹת.

מִילְכִיגְס קֶענְסְטוּ עֶסְן; צוּם בֵּיישְׁפִּיל מִילְךְ, קֶעז וְכַדוֹמֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען הָאבְּן אַ לֶעפְּטַאפּ אָן קַיין ווידִיאוֹ אוּן דָאס גְלַייכְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב זֵייעֶר חֵשֶׁק צוּ הָאבְּן אִינְדֶערְהֵיים אַ לֶעפְּטַאפּ צוּ קֶענֶען לֵיינֶען אוֹיף דֶעם סְפָרִים. אוֹיב אִיךְ נֶעם אַרָאפּ אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן דֶערְפוּן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל ווידִיאוֹ, פִּיקְטְשֶׁערְס אוּן וַוייפֵּיי, אִיז דָא אַ פְּרָאבְלֶעם נָאר מִיט דִי לֶעפְּטַאפּ אַלֵיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בֶּעסֶער נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶועלְכֶע פוּפְצְן שִׁיעוּרִים הָאט מוֹהֲרַ"ן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ לֶערְנֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן ווִי דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט פוּפְצֶן שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען. אוֹיבּ דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר בִּיטֶע אוֹיסְרֶעכְֿעֶנֶען וֶועלְכֶע פוּפְצֶן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**1) חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ**

**2) תַּנַ"ךְ**

**3) מִשְׁנָיוֹת**

**4) תַּלְמוּד בַּבְלִי**

**5) תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי**

**6) תּוֹסֶפְתָּא**

**7) מֶדְרָשׁ רַבָּה**

**8) מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא**

**9) רַמְבַּ"ם**

**10) טוּר**

**11) שֻׁלְחָן עָרוּךְ**

**12) זוֹהַר הַקָדוֹשׁ**

**13) תִּיקוּנֵי זוֹהַר**

**14) לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן**

**15) לִקוּטֵי הֲלָכוֹת**

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דִי פוּפְצֶן שִׁיעוּר אִיז אוּנְזֶער חוּמֶשׁ אוּן מַעֲשֵׂר וָואס מִיר גֶעבְּן צְדָקָה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי עֲשִׁירִים גֶעבְּן צְדָקָה חוּמֶשׁ אוּן מַעֲשֵׂר פוּן זֵייעֶר גֶעלְט, אַזוֹי אוֹיךְ דִי וָואס לֶערְנֶען אִיז דָאס אוֹיךְ אַזוֹי ווִי צְדָקָה. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען, שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח הָאט גֶעזָאגְט פַאר יַנַּאי הַמֶּלֶךְ (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת

נד.): "אַתְּ מִמָּמוֹנְךָ וַאֲנָא מִן אוֹרַיְיתִי", דו הָאסְט גֶעגֶעבְּן פוּן דַיין גֶעלְט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פוּן מַיין חָכְמָה, פוּן דִי תּוֹרָה וָואס אִיךְ לֶערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת ז, יב): "כִּי בְּצֵל הַחָכְמָה, בְּצֵל הַכָּסֶף" - שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח הָאט צוּגֶעגֶעבְּלִיכְן זַיין לֶערְנֶען תּוֹרָה צוּ דִי גֶעלְט וָואס יַנַּאי הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעגֶעבְּן פַּאר דִי קָרְבָּנוֹת פוּן דִי נְזִירִים, עַיֵּין שָׁם; מִיט דִי פוּפְצְן שִׁיעוּרִים קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין חוּמֶשׁ אוּן מַעֲשֵׂר.

וואוּיל אִיז דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן עֶר נוּצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען דִי פוּפְצְן שִׁיעוּרִים בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען גֵיין הֲפָצָה אִין מְסוּכָּן'דִיגֶע פְּלֶעצֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע חִיזּוּק וָואס מִיר בַּאקוּמֶען טָאג בַּיי טָאג, שָׁעָה בַּיי שָׁעָה, מִינוּט בַּיי מִינוּט, סֶעקוּנְדֶע בַּיי סֶעקוּנְדֶע.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַן עֵצָה מִיט חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה; יֶעצְט דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען דִי אַרַאבֶּער זֵייעֶר צֶעשְׁפִּילְט, זֵיי שִׁיסְן, שְׁטֶעכְן אוּן פִירְן דוּרְךְ שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶעס אִין פִילֶע פְּלֶעצֶער, אֲפִילוּ אוֹיף עֶרְלִיכֶע אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶע וָואס אַן אַרַאבֶּער הָאט גֶעשָׁאסְן אוֹיף אִידְן אִין בְּנֵי בְּרַק אוּן גֶע'הַרְגֶ'ט עֶטְלִיכֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן דֶערְפוּן, אִיךְ קֶען פָּשׁוּט נִישְׁט שְׁלָאפְן אוּן טוּן דִי אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּב נָארְמַאל,

אַזוֹי וִוי מַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר גֵייט הֲפָצָה אוּן עֶר שְׁטֵייט גֶעווֶענְלִיךְ אִין אַ גֶעגְנְט וָואס אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעטְרָאפְן דָארְט מִיט אַרַאבֶּער. אִיבֶּערָאל זֶענֶען דָא אַרַאבֶּער, אָבֶּער אִין גְרֶעסֶערֶע פְּלֶעצֶער אִיז דָא מֶער, אוּן דָארְט זוּכְן זֵיי מֶער צוּ שִׁיסְן, שְׁפִּיר אִיךְ אַז כָאטְשׁ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף טַאקֶע גְלֵייבְּן אַז וֶועמֶען עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט צוּ

שְׁטַארְבְּן קֶען דָאס פַּאסִירְן אִין סַיי וֶועלְכֶע פְּלַאץ, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט גֵיין אִין אַ מְקוֹם סַכָּנָה, אַזוֹי ווִי מֶען פַארְשְׁטֵייט אַז אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶעלְן אִינְמִיטְן דִי גַאס ווִי אוֹיטָאס קֶענֶען אִים אִיבֶּערְפָארְן אוּן שֶׁעדִיגְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן עֶר וֶועט זָאגְן אַז אוֹיב עֶס אִיז אִים בַּאשֶׁערְט צוּ שְׁטַארְבְּן וֶועט עֶר סַיי ווִי שְׁטַארְבְּן, דָאס קוּמְט פוּן אַ חֹסֶר אֱמוּנָה, ווייל בֶּאֱמֶת טָאר אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֵיין צוּ אַ מְקוֹם סַכָּנָה.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן מַיין מַאן עֶר זָאל בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ ווייל אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען מְסוּגָל צוּ טְרַאכְטְן צוּ זַיין אַלֵיין אוּן נָאכְדֶערְצוּ עֶר זָאל זַיין דָארְט.

וויל אִיךְ פְרֶעגְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן אִיבֶּער דֶעם, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִין דֶעם יֶעצְטִיגְן חוֹדֶשׁ וֶוען דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן זֵייעֶר חָאגֶע-חוֹדֶשׁ וָואס זֵיי מַאכְן גֶעוֶוענְלִיךְ דֶעמָאלְט מֶערֶערֶע טֶערָאר אַטַאקֶעס. אֶפְשָׁר זָאל מַיין מַאן גֵיין נָאר צוּ שְׁטִיבֶּער, אָדֶער אִין שְׁטִילֶערֶע גֶעגֶענְטֶער, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען קֶען מִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק אוֹיף אֱמוּנָה אִין דִי שְׁוֶוערֶע צַייט.

בְּרָכָה וְהַצְלָחָה אוּן גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר דַארְפְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַ מֵפִיץ, עֶר טֵיילְט אוֹיס סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועט דָאס אִים הִיטְן עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין אוּמְגְלִיק חַס וְשָׁלוֹם.

זַייט אִים מְחַזֵק עֶר זָאל וַוייטֶער גֵיין הֲפָצָה, דָאס וֶועט הִיטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוען אִידְן טוּעֶן תְּשׁוּבָה - קֶען זֵיי קֵיינֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז אַ שְׁמִירָה פַאר עַם יִשְׂרָאֵל.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא, הֲפָצָה וֶועט אִים נִישְׁט שָׁאטְן.

...

### ווי אַזוֹי בֶּעט מֶען דֶעם מַאן עֶר זָאל זִיךְ הַאלְטְן זוֹיבֶּער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב אַפָּאר מָאל גֶעטְרַאכְט צִי אִיךְ זָאל שְׁרַייבְּן אָדֶער נִישְׁט, אָבֶער אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר פַאר פְרוֹיעֶן ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט פוּן זוֹיבֶּערְקֵייט, הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר דַארְף מֶען רֶעדְן אוֹיךְ צוּ דִי מֶענֶער וֶועגְן דֶעם.

וֶוען מַיין מַאן קוּמְט אַהֵיים פוּן דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר אַ שְׁוֶוערֶע גֶערוּךְ אוּן עֶר אִיז שְׁמוּצִיג פוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. אָבֶער וֶוען אִיךְ הָאב אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס שְׁטֶערְט מִיר, רוּפְט עֶר זִיךְ אָן הוֹיךְ, "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן פַאר מַיין ווייבּ", קֶען זַיין עֶר אִיז גֶערֶעכְט אַז אִיךְ דַארְף פָּשׁוּט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל מִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן.

אִיךְ וויל נִישְׁט בַּאלֶעבַּאטֶעוֶוען אוֹיף אִים, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אִים בֶּעטְן עֶר זָאל זִיךְ אָפְּזוֹיבֶּערְן אוּן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען, וֶועט עֶר אֶפְשָׁר וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט אוּן בַּאלֵיידִיגְט, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר? אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ״ז אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי פְרוֹיעֶן, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא צוּ זַיין אָפְן מִיטְ׳ן מַאן; זֵיי ווילְן נִישְׁט זָאגְן וָואס שְׁטֶערְט זֵיי, זֵיי ווילְן נִישְׁט וֵויי טוּן, אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַז עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט דִי לִיבְּשַׁאפְט חַס וְשָׁלוֹם.

אוֹיבּ עֶפֶּעס שְׁטֶערְט - דַארְף מֶען דָאס רֶעדְן; אַז דֶער מַאן אִיז אַ צֶעפְלוֹיגֶענֶער אוּן דָאס שְׁטֶערְט דִי וַוייבּ - אִיז ווִיכְטִיג דָאס צוּ זָאגְן, מֶען דַארְף נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג, אוּן אַז דָאס אִיז זַיין נַאטוּר, דֶער מַאן אִיז אַ נִישְׁט מְסוּדָר׳דִיגֶער - זָאל אִים דִי פְרוֹי הֶעלְפְן אוּן

אִינְאֵיינֶעם אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג; וַוייל אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט, מֶען וֶוערְט צוּבִּיסְלֶעךְ אָנְגֶעגֶעסְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן - וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר נֶערְוֶועז, אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט זָאגְן וָואס פַּאסִירְט.

רֶעדְט יָא צוּ אַייעֶר מַאן, זָאגְט אִים וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ; דֶערְצֵיילְט אִים מִיט חָכְמָה פוּן דִי נֶעכְטִיגֶע שִׁיעוּר פַּאר פְּרוֹיעֶן, ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶערֶעדְט מֶען זָאל זַיין רֵיין אוּן זוֹיבֶּער, זָאגְט אִים אַז אַייךְ שְׁטֶערְט עֶס, זָאגְט אִים דָאס אוֹיךְ, אַז וֶוען אִיר זָאגְט אִים: "אִיךְ בֶּעט דִיר זֵיי רֵיין, עֶס שְׁטֶערְט מִיר דִי גֶערוּךְ וְכוּ'" רוּפְסְטוּ זִיךְ אָן הוֹיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן מַיין וַוייבּ ווִי אַזוֹי אִיךְ שְׁמֶעק'"; זָאגְט אִים אַז דָאס בַּאדֶערְט אַייךְ זֵייעֶר, עֶס טוּט אַייךְ וֵויי.

אַייעֶר מַאן אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן; עֶר כַאפְּט נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וְכוּ', עֶר הָאט אַן אַנְדֶערֶע נַאטוּר, אוּן אַז אִיר וֶועט זַיין מִיט אִים אָפְן, אִיר וֶועט אִים פַארְשְׁטֵיין אוּן אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן - וֶועט וֶוערְן אַייעֶר קֶשֶׁר שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זָאל אִיךְ קוֹיפְן אַ בִּיקְס זִיךְ צוּ בַּאהִיטְן פוּן טֶערָאר אַטַאקֶעס?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נָאךְ אַזוֹיפִיל טְרַאגֶעדִיעֶס וָואס הָאט פַּאסִירְט דִי לֶעצְטֶע וָואךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווִי אַזוֹיפִיל אִידְן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אוּמְגֶעקוּמֶען אִין שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶעס, בִּין אִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וּבִפְרַט אַז אִיךְ הָאבּ קְלִיעֶנְטְן אַרַאבֶּער, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אָן הַצָּעָה צוּ בַּאקוּמֶען אַ רִשָּׁיוֹן (לַייסֶענְס) צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ בִּיקְס, אִיז דָאס כְּדַאי? אִיז דָאס הִשְׁתַּדְּלוּת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ הַאלְטְן מִיט זִיךְ אַ קְלֵיין מִשְׁנַיוֹת'ל מִיט נָאךְ סְפָרִים, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אִיבְּרִיגֶע מִינוּטְן זָאלְסְטוּ אַרַיינְכַּאפְּן נָאךְ אַבִּיסְל תּוֹרָה, דָאס וֶועט דִיךְ הִיטְן, דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּא, ד): "כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בְּכָל יוֹם תָּמִיד", אַ אִיד וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, "בִּשְׁבִיל לְהַרְבּוֹת כְּבוֹד שָׁמַיִם", כְּדֵי צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֵינוֹ צָרִיךְ לֹא חֶרֶב וְלֹא חֲנִית וְלֹא כָּל דָבָר שֶׁיִהְיֶה לוֹ שׁוֹמֵר", דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אַ שְׁוֶוערְד אָדֶער אַ פַּאנְצֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, "אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשַׁמְּרוֹ בְּעַצְמוֹ", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הִיט אִים.

אֵיינֶער פוּן דִי גֶעשָׁאסֶענֶער אִיז אוֹיךְ אַ פָּאלִיצֵיי מַאן, דֶער פָּאלִיצֵיי מַאן הָאט גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ אַ גְרוֹיסְן בִּיקְס; זֶעט מֶען אַז מֶען קֶען הָאבְּן מִיט זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע בִּיקְס אוּן אוֹיךְ וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'עֶט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הִיטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אוּנְז שׁוֹין שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

...

**וָואס טוּט מֶען אַז דִי מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ זָאג בָּרוּךְ ה' מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶס קוּמְט מִיר כְּסֵדֶר אַרַיין אִינְמִיטְן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אַלֶע סָארְט צֶעדְרֵייטֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן גֶעדַאנְקֶען; אַסַאךְ וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ זָאג אִין דִי מִשְׁנַיוֹת, דֶערְמַאנֶען מִיר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מַאכְן מִיר נִישְׁט גוּט אוֹיפְ'ן הַארְץ; זָאל אִיךְ וַוייטֶער זָאגְן מִשְׁנַיוֹת?

גֶעוֶוענְלִיךְ עֶפְּן אִיךְ נָאכְדֶעם אַ שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ, אוּן נָאר דָאס בַּארוּאִיגְט מִיר, זָאל

אִיךְ וַוייטֶער לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת אוּן נָאכְדֶעם עֶפֶּעְנֶען אַ שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ, אָדֶער זָאל אִיךְ אוֹיפְהֶערְן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**... טַייעֶרֶער**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַוַודַאי זָאלְסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת, נָאר דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען, עֶס וֶועט דִיר אוֹיסְהֵיילְן, עֶס וֶועט דִיר רֵיינִיגְן; מִשְׁנַיּוֹת אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה.

וֶועסְט זֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, דַּיְקָא בַּיים לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת וֶועט דִיר אַרַיינְקוּמֶען אַלֶע צֶעדְרֵייטֶע מַחְשָׁבוֹת, אַלְטֶע מַעֲשִׂים וְכוּ' וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר רַחֲמָנָא לִצְּלָן; וַוייל בְּשָׁעַת מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת גֵייט אַרוֹיס דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דֶערִיבֶּער קוּמֶען זֵיי אַרַיין דֶעמָאלְט אִין מַחְשָׁבָה.

זֵיי שְׁטַארְק מִיטְ'ן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, דָאס וֶועט דִיר מְטַהֵר זַיין פוּן פְּגַם הַבְּרִית, עֶס וֶועט דִיר אוֹיסְרֵיינִיגְן דַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וויל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָּל צוּ תְּשׁוּבָה.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דֶער סַמֵ"ךְ מֵ"ם וֶועט דִיר נָאכְלוֹיפְן; עֶר וויל דִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, עֶר וֶועט דִיר פְּרוּבִּירְן נָאכְצַמָאל אַרָאפְּוַוארְפְן. דוּ זַיי שְׁטַארְק, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, זַיי פֶּעלְזְן פֶּעסְט מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים כְּסִדְרָן דַּיְקָא אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דַיין וַוייבּ וֶועט בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כֹּחוֹת פַאר דִי קִינְדֶער**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ״ו אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ שֵׂכֶל אוּן קוּם אַהֵיים צַייטְלִיךְ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן פַארְבְּרֶענְג; זִי דַארְף עֶס הָאבְּן, זִי ווִיל אַבִּיסְל אַרוֹיסְגֵיין זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן אוּן שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

נָאר דוּ וֶועסְט מַרְוִיחַ זַיין, זִי וֶועט דִיר זַיין גֶעטְרֵיי, זִי וֶועט בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כֹּחוֹת פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טְרֶעפְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין דִי תּוֹרָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ״ו אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ שְׁרַייבְּן פוּן דֶעם עִנְיָן, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן וַוארְפְן רְמָזִים, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר וֶועט פַארְשְׁטֵיין וָואס אַ אִיד הָאט צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, וִוי אַזוֹי מֶען זָאל לֶעבְּן.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְרוֹי וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִיר מַאן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ זִי גֵייט אִים אַנְטְקֶעגְן, זִי וַוייזְט אִים לִיבְּשַׁאפְט. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (עֵירוּבִין ק:): "אָמַר רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן, כָּל אִשָּׁה שֶׁתּוֹבַעַת בַּעְלָהּ לִדְבַר מִצְוָה הַוְיָין לָהּ בָּנִים שֶׁאֲפִלּוּ בְּדוֹרוֹ שֶׁל מֹשֶׁה לֹא הָיוּ כְּמוֹתָן", אַ פְרוֹי וָואס וַוייזְט לִיבְּשַׁאפְט פַאר אִיר מַאן וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי לֵאָה, זִי אִיז גֶעקוּמֶען בֶּעטְן יַעֲקֹב עֶר זָאל קוּמֶען בַּיי אִיר שְׁטוּבּ וְכוּ' - הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶעמָאלְט צוּ יִשָּׂשכָר, וָואס בַּיי זֵיי שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א יב, לג): "וּמִבְּנֵי יִשָּׂשכָר יוֹדְעֵי בִינָה לַעִתִּים, לָדַעַת מַה יַּעֲשֶׂה יִשְׂרָאֵל".

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן דְבָרִים פוּן דְבָרִים שֶׁל בֵּינוֹ לְבֵינָהּ, זוּכְט אוֹיף צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי וָואס וֶועט אֵייךְ מַדְרִיךְ זַיין מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הַשְׁקָפָה. לֵיידֶער לֶערְנְט מֶען מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת פַאלְשֶׁע וֶועגְן, מֶען רֶעדְט אַיין חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת. חָתָן כַּלָּה גֵייעֶן צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט נֶערְוֶועְן אוּן שְׁרֶעק, מֶען שְׁרֶעקְט אָן מִיט נִישְׁט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז גוֹרֵם אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. מִיר הָאבְּן אִין אַמֶערִיקֶע עֶרְלִיכֶע כַּלָּה טִיטְשֶׁערְס וָואס זֵיי לֶערְנֶען אַזוֹי וִוי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהֵייסְן לֶערְנֶען.

בְּעִנְיַן וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין דִי זַאךְ וְכוּ', אִיר טוּט דָאס אָן אַ טַעַם וְכוּ'; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, הֶעכְסְטְנְס וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען מֶער שְׂכַר. וַוייל וֶוען מֶען טוּט אַ מִצְוָה אוּן עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער בַּאקוּמְט מֶען מֶער שְׂכַר, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", לוֹיט דִי שְׁוֶוערִיקֵייט - בַּאקוּמְט מֶען דִי שְׂכַר, אוּן אַז עֶס קוּמְט אַייךְ אָן דָאס זַיין מִיט אַייעֶר מַאן אַזוֹי שְׁוֶוער - וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען גָאר אַסַאךְ שְׂכַר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן קַיין שְׂכַר, מִיר זָאלְן וֶועלְן נָאר טוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס ווִילְן. וֶוען מֶען טוּט אַ מִצְוָה אִיז דָא צְוֵויי סָארְט מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער טוּט דִי מִצְוָה גֶעצְווּינְגֶענֶערְהֵייט (נִישְׁט מַמָּשׁ גֶעצְווּינְגֶען, נָאר אָן אַ טַעַם), דֶער וַוארְט אוֹיף שְׂכַר, עֶר טוּט דָאס נָאר כְּדֵי צוּ

בַּאקוּמֶען שְׂכַר פַאר דִי מִצְוָה. נָאכְדֶעם אִיז דָא אֵיינֶער וָואס טוּט דִי מִצְוָה ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶר קֶען טוּן רָצוֹן הַשֵּׁם, עֶר דַארְף נִישְׁט קַיין שְׂכַר, עֶר דַארְף דֶעם (אָבוֹת ד, ב): "שְׂכַר מִצְוָה, מִצְוָה", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן ה): "עַד שֶׁאֵין רוֹצֶה בְּשׁוּם שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא, אֶלָּא הוּא רוֹצֶה שֶׁיְּזַמִּין לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִצְוָה אַחֶרֶת בִּשְׂכַר מִצְוָה זֹאת", אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ד, ב): "׳שְׂכַר מִצְוָה, מִצְוָה׳; כִּי הוּא נֶהֱנֶה מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ", עֶר ווִיל דִי מִצְוָה אַלֵיינְס.

נָאכְאַמָאל, עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן בִּפְרָטִיּוּת; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טְרֶעפְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין דִי תּוֹרָה, טוּן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה, כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", וָואס אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי? אַ פְרוֹי וָואס טוּט דִי ווִילְן פוּנֶעם מַאן; אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען רְמָזִים אוּן ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַן אִשָּׁה כְּשֵׁרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מַיין יְשִׁיבָה אוּן כּוֹלֵל אִיז דֶער סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווָאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דִיר צוּ זֶען פָּנִים בְּפָנִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן. דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין יְשִׁיבָה, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין יְשִׁיבָה; דַיין יְשִׁיבָה אִיז דֶער סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי׳ן. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "מַיין יְשִׁיבָה אִיז סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, מַיין כּוֹלֵל אִיז סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד", מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר דֶער וָואס הָאט דָאס נָאכְנִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען.

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, וּבְעִקָּר מִיט דִי וָואס פַּארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ. קוּק וָואס מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּואָה (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ ז"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד; "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ?! טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּשׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'עֶן מִיט קֵיינֶעם, נָאר גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחְנִי", ווַייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקַּר הַלִּימּוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרַךְ", וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקַּר לִימּוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּ אַייעֶר חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מַזָּל טוֹב ... נֵרוֹ יָאִיר! מַזָּל טוֹב ... תְּחְיֶ'!**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט זַיין בַּיי עֶנְקֶער חֲתוּנָה, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעמַאכְט אַלֶע פְּלֶענֶער צוּ זַיין בַּיי דִי חֲתוּנָה; לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין יַבְנְאֵל בַּיי אַ שִׂמְחָה פוּן אַ וַואךְ נַאכְט, פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעלָאפְן גְלַייךְ צוּם לוּפְטְפֶעלְד.

אָבֶּער אַ בְּרָכָה קֶען אִיךְ נָאךְ גֶעבְּן, אוּן דַאוֶוענֶען פַאר עֶנְקֶער הַצְלָחָה

װעל אִיךְ װײטער; דער אײבערשטער זאָל הֶעלפְן איר זאָלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, לִיכְטִיגֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, נֶאֱמָנִים לַה׳ וּלְתוֹרָתוֹ.

...

## די שֵׁייטְל זאָל זַיין אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ״ו אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

בְּלַייבְּט מִיט אַייעֶר שֵׁייטְל, נָאר בֶּענְקְט און ווילְט זַיין עֶרְלִיךְ. מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט מֶען מֶעג גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל; מֶען זָאל נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְן עֶס זָאל זַיין אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן.

דָאס וָואס אַייעֶר מַאן זָאגְט אַייךְ, אֶפְשָׁר זִיךְ אָנְטוּן אַ טִיכְל; עֶר הָאט גֶעלֵיינְט אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן אַז דָאס בְּרֶענְגְט גוּטֶע קִינְדֶער, אִיר פְּרֶעגְט וָואס צוּ טוּן; אוֹיבּ אִיר וֶועט בְּלַייבְּן מִיט אַייעֶר אֵיידֶעלֶע שֵׁייטְל און אִיר וֶועט נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן דִי פְּרוּוִועֶן וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מִיט אַ טִיכְל, אִיר וֶועט שֶׁעצְן צְנִיעוּת - וֶועלְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

עֶס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד וֶוען מֶען טוּט זִיךְ אָן צְנִיעוּת׳דִיג און מֶען וויל נִישְׁט אַזוֹי גֵיין, דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן דָאס, זֵיי כַאפְּן פִּינְקְטְלִיךְ; זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן גָאר גוּט וָואס דִי עֶלְטֶערְן ווילְן.

בְּלַייבְּט אַזוֹי ווִי אִיר גֵייט, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הָאבְן אַזַא חָשׁוּבֶ׳עֶ מִשְׁפָּחָה בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל.

...

## דָאס מַאכְן דִי מַצוֹת דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם תְּפִלָּה, הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אֱמוּנָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶפֶענֶען דִי מַצָּה בֶּעקֶערֵיי אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ער מַצָּה בֶּעקֶערֵיי.

עֶס אִיז אוּנְטֶער דִי הַשְׁגָחָה פוּנֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ"א, דֶער דַיָין זָאגְט: "נִישְׁטָא נָאךְ אַזֶעלְכֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצוֹת"; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין דָא.

בְּכֵן וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט שׁוֹין בַּאשְׁטֶעלְן פַאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה - מַצוֹת פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מַצוֹת. דִי מַצוֹת וֶוערְן גֶעמַאכְט דוּרְךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי לֵייגְן אַרַיין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִין דִי בֶּעקֶערֵיי זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט אוּן עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, אַלֶעס דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם תְּפִלָּה, הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אֱמוּנָה, דָאס אִיז רִיכְטִיגֶע (זוֹהַר שְׁמוֹת, קפג:): "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא".

הֶעלְף מִיר בּוֹיעֶן דִי מוֹסָד, קוֹיף דַיינֶע מַצוֹת בַּיי אוּנְזֶער בֶּעקֶערֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הֶעלְפְן אַרוֹיס דֶעם "בֵּית הַתַּבְשִׁיל"

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ...**

אִיךְ בֶּעט אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הֶעלְפְט אַרוֹיס דֶעם "בֵּית הַתַּבְשִׁיל" וָואס שְׁטֶעלְט צוּ עֶסְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן אוֹיךְ פַאר יוֹם טוֹב אוּן פַאר פֶּסַח.

הָאַבְרֵךְ שְׁלֹמֹה יַאקָאבָּאוִויטְשׁ נֵרוֹ יָאִיר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְ'ן בֵּית הַתַּבְשִׁיל, אוּן אוֹיךְ צוּ הֶעלְפְן מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן קֶענֶען אַיינְרִישְׁן שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים.

בִּזְכוּת דֶעם וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ שֶׁפַע בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דִי טֶעלֶעפָאן הַרְגְ'עֶט דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ז אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ...

קוּקְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט מַאכְט קְרַאנְק דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע טַעַם פוּן לֶעבְּן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר אוֹיסְלֵייזְן פוּן דַיין גָלוּת פוּן קוּקְן מָאוִויס, סְטֶעטוּ"ס, וְכַדוֹמֶה לָזֶה.

בִּיסְט אַ טֵייעֶר קִינְד, נָאר דִי טֶעלֶעפָאן הַרְגְ'עֶט דִיר.

...

## ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס אִיז דִי חִילוּק פוּן אַ לֵב נִשְׁבָּר, אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ - צוּ עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דֶעפְּרֶעסְט, דֶערְבִּיטֶערְט; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מב) עַצְבוּת אִיז זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אָפְּרֶעדְן, הָאבְּן טַעֲנוֹת פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט

נִישְׁט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אָבֶער לֵב נִשְׁבָּר אִיז זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶערְצֵיילְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי הֶענְט צוּם הִימְל כְּבֶן הַמִּתְחַטֵּא אוּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים.

לֵב נִשְׁבָּר אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עַצְבוּת אִיז סִטְרָא אַחֲרָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס פַּיינְט.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּרֶעגְט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן.

...

**מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי פֶערְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי פֶערְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִקְרָא, גְמָרָא, הֲלָכָה אוּן מֶדְרָשׁ. בַּיי אַלֶע שִׁיעוּרִים זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, נָאר לֶערְנֶען אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן עו), דֶער לָשׁוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד", מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, "רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר וּמִמֵּילָא יָבִין", נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין

כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵייטְן מָאל, און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל דִי מַעֲלָה פוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ שְׁטֵייגְט אַלֶעס אִיבֶּער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, וַוייל אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

בְּנוֹגֵעַ זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת אִין שְׁנַת הַשְּׁמִיטָה; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז אוּנְזֶער מִנְהָג אִיז יָא צוּ זָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אוֹיף דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז דוּ בִּיסְט אַרוֹיס פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ', בְּרֶסְלֶב

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן הֶעלְפְן צָאלְן דִי מְלַמְּדִים און טִיטְשֶׁערְס, אִיךְ פְרֵיי

זִיךְ זֵייעֶר אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע מוֹסָד, מֶען הֶעלְפְּט מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

נָאךְ מֶער פְרֵיי אִיךְ זִיךְ אוֹיף דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ בִּיסְט אַרוֹיס פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת, דוּ הָאסְט דִי וָואךְ גֶעעֶנְדִיגְט בַּאצָאלְן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת, דוּ בִּיסְט אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה; יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חוֹבוֹת.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ מִיט גֶעהַאלְטְן עֶנְקֶערֶע הוּנְגֶער יָארְן, יֶעצְט זֶענְט אִיר בַּאפְרֵייט; דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים, אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען טֵייעֶר אוּן לִיכְטִיג.

אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּם פֶּסַח אַלֵיינְס.

...

## זָאגְט תְּהִלִּים וֶועלְן אַוֶועק גֵיין אַלֶע אַייעֶרֶע פְּחָדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב

... תִּחְיֶ'

זָאגְט תְּהִלִּים וֶועלְן אַוֶועק גֵיין אַלֶע אַייעֶרֶע פְּחָדִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הִיטְן.

נָאכְן זָאגְן תְּהִלִּים זָאלְט אִיר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, בִּזְכוּת דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִלִּים בֶּעט אִיךְ דִיר בַּאשֶׁעפֶער, הִיט מִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטְס; זַיי מִיט מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין רוּאִיג, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן".

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### ווי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיינְס?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ-הַחוֹדֶשׁ, כ״ט אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט צוּ זִיךְ גֶעקוּמֶען פוּן זַיין מִיט אַייךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזַא זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם. אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט דִי חֲבֵרִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ טְרַאכְט אַסַאךְ פוּן עֶנְק.

דִי וָואךְ שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, שַׁבָּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, שַׁבָּת דֶעם רֶבִּינְ׳ס יוֹם הוּלֶדֶת - אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יא.): ״בְּנִיסָן נִגְאֲלוּ אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם״, חוֹדֶשׁ נִיסָן זֶענֶען אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, ״וּבְנִיסָן עֲתִידִין לִיגָּאֵל״, אוּן אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן; אִיז דָאךְ יֶעצְט אַ פַּאסִיגֶע צַייט אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן - יֶעדֶער אֵיינֶער - פוּן זַיין גָלוּת.

ווִי אַזוֹי גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת מִצְרַיִם? דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז נָאר וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען גֶעדֶענְקְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים - גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט.

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען פֶּסַח צוּ מוֹהֲרָא״שׁ אוּן גֶעקְרֶעכְצְט: ״ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּם פֶּסַח אַלֵיינְס?״ וַוייל רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן, אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין גֶעלְט, ״אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין״, עֶסְן אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, ״אָבֶער ווִי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיינְס?״ ווִי נֶעמְט מֶען דֶעם קְדוּשַׁת הַפֶּסַח; דֶער אִיד הָאט אַזוֹי גֶעקְרֶעכְצְט צוּ מוֹהֲרָא״שׁ: ״ווִי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּם פֶּסַח?״ הָאט אִים מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט שַׁארְף אוּן קְלָאר: ״דוּ ווִילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּם פֶּסַח? עֶפְן דַיין מוֹיל אוּן הוֹיבּ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ הָאסְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג צוּ קוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת״.

אַ אִיד דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מוֹהֲרָא"שׁ זָאל אִים גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דֶעמָאלְט גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן נֶעמֶען דִי פָּאסְט, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִים: "קוּק אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן אִין דִי פָּאסְט ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה", עֶר נֶעמְט אַרוֹיס דִי פָּאסְט, דָארְט אִיז גֶעלֶעגְן אַן הַזְמָנָה פַאר אַ חֲתוּנָה, מוֹהֲרָא"שׁ עֶפְנְט עֶס אוֹיף אוּן וַוייזְט אִים: "קוּק וָואס מֶען שְׁרַייבְּט דִיר, 'קִידוּשָׁא רַבָּה אַחַר הַתְּפִלָּה' מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קְדוּשָּׁה רַבָּה נָאכְן דַאוֶוענֶען"; אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען עֶפְנְט דִי מוֹיל אוּן מֶען שֶׁעפְּשֶׁעט אַ תְּפִלָּה: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג, אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן**" - דָאס בְּרֶענְגְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע קְדוּשָּׁה.

מַאכְט זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט חוּמְרוֹת, בְּרֶענְגְט אַריין דֶעם פֶּסַח מִיט שִׂמְחָה אוּן דְבֵיקוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין חוּמְרוֹת אֲפִילוּ פֶּסַח. בְּרֶענְגְט אַריין דֶעם פֶּסַח מִיט שִׂמְחָה, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם פֶּסַח, אִיר זָאלְט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן חָמֵץ.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס יָאר פֶּסַח דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי דָוִד מְמִיקוֹלַייב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַ תַּלְמִיד פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן וַויין פַאר'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב. עֶר הָאט עֶס אַלֵיינְס גֶעמַאכְט מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע עִנְיָנִים אוּן מִיט אַלֶע בְּחִינוֹת וְכוּ' וְכוּ'. אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים גְרֶענִיץ, ר' דָוִד הָאט זֵייעֶר גֶעהָאפְט אַז מֶען גֵייט נִישְׁט עֶפֶענֶען דֶעם טֵייעֶרְן פַאס, אָבֶּער צוּ זַיין גְרוֹיס וֵוייטָאג הָאט דֶער גְרֶענִיץ וֶועכְטֶער גֶעעֶפְנְט דִי וַויין אוּן עֶס גֶעמַאכְט יֵיַן נֶסֶךְ. לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן לְטוֹבָה?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז עֶר הָאט טַאקֶע אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פָּרָשַׁת מְצוֹרָע, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבְן אִין הִימְל טוּט זִיךְ אַ רַעשׁ, מֶען קוּקְט אַרָאפּ, מֶען זֶעט ווִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער רוֹימֶען אוֹיס דִי חָמֵץ; נִישְׁטָא קַיין שְׁטוּב וָואס מֶען רוֹימְט נִישְׁט, אַלֶע שְׁטוּבֶער זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, מֶען אַרְבֶּעט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל!

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען פֶּסַח זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן פוּן אֵיין אִיד צוּם צְוֵוייטְן צִי עֶר הָאט אַבִּיסְל בִּיר פַאר אִים, אַלֶע הָאבְן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״חַס וְשָׁלוֹם, בִּיר אִיז חָמֵץ!״ הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: ״אוֹיב אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן דֶערְפַאר מֶער, צְוֵויי מָאל דִי וֶוערְד פוּן אַ פְלֶעשְׁל בִּיר – וֶועסְטוּ מִיר יָא גֶעבְן?״ הָאט מֶען אִים ווִידֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״נֵיין! בִּיר אִיז חָמֵץ״, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב: ״וֵוייסְטוּ וָואס, אִיךְ דַארְף זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַ פְלֶעשְׁל בִּיר, אִיךְ בִּין אֲפִילוּ גְרֵייט צוּ צָאלְן בִּיז טוֹיזְנְט רוּבְּל״, אָבֶער יֶענֶער הַאלְט זִיךְ בַּיי זַיינִיגֶע אוּן שְׁרֵייט ווַייטֶער אַז בִּיר אִיז חָמֵץ. אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גוֹי אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר הָאט אִים צוּ פַארְקוֹיפְן זַיידְן, דֶעמָאלְט הָאט דִי רֶעגִירוּנְג נִישְׁט גֶעלָאזְט הַאנְדְלֶען מִיט זַיידְן, הָאט דֶער גוֹי גֶעזָאגְט: ״נֵיין, מֶען טָאר נִישְׁט הַאנְדְלֶען מִיט זַיידְן, מֶען קֶען בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם תְּפִיסָה״, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב: ״וֵוייסְטוּ וָואס, אִיךְ דַארְף זֵייעֶר ווִיכְטִיג הָאבְן זַיידְן, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ צָאלְן בִּיז טוֹיזְנְט רוּבְּל״, הָאט דֶער גוֹי גֶעזָאגְט: ״וַוארְט מִיר דָארְט אוּן דָארְט, אִיךְ וֶועל דִיר בְּרֶענְגֶען זַיידְן״; הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָנְגֶערוּפְן פַאר׳ן בַּאשֶׁעפֶער: ״הֵיילִיגֶער

בַּאשֶׁעפֶער, קוּק אָן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דוּ שְׁרַייבְּסְט אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת יג, יז): ׳וְלֹא יֵרָאֶה לְךָ חָמֵץ וְלֹא יֵרָאֶה לְךָ שְׂאֹר בְּכָל גְּבֻלֶךָ׳, עֶס זֶענֶען נִישְׁטָא קַיין פָּאלִיצֵיי וָואס קוּקְן דָאס נָאךְ, מִיט דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ בַּיי קַיין אֵיין אִיד, (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א יז, כא): ׳מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ׳״.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ הָאבּ אִיךְ אַמָאל גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ. דֶער מַאן זָאל אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס עֶר הָאט אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן זִי זָאל אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס זִי הָאט אוֹיף אִים, יֶעדֶע סָארְט טַעֲנָה זָאל מֶען אַרָאפְּשְׁרַייבְּן, אוּן דָאס אַרַיינְוַוארְפְן אִין דִי פֵייעֶר בַּיי שְׂרֵפַת חָמֵץ, אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵייִן פוּן מִצְרַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

**זִיךְ דֶערְהַאלְטְן טְרָאץ דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן צָרוֹת וְיִסּוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְ׳ן מִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער כִּמְעַט צְוָואנְצִיג יָאר, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דָאס נָאךְ פְּרִישׁ אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה וָואלְט הַיינְט פַּאסִירְט, דוּ הָאסְט מִיר אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל קוּמֶען דַאוֶונֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; דָארְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַבִּיסְל אֱמֶת׳ע דִיבּוּרִים אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; דוּרְךְ דִיר הָאבּ אִיךְ מַיין חַיִּים טוֹבִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן מִיט דִיר גְרוֹיסֶע נִיסִים, הָעִקָּר מַה שֶּׁקוֹּרִין זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועעֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, צָרוֹת וְיִסּוּרִים - דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לב, ג) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים יא, ה): "ה' צַדִּיק יִבְחָן', הַיּוֹצֵר הַזֶּה אֵינוֹ בּוֹדֵק קַנְקַנִּים מְרוֹעָעִים", וֶוען דֶער טֶעפֶּער וִויל בּוֹדֵק זַיין דִי כֵּלִים אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען גֶענוּג שְׁטַארְק - וֶועט עֶר נִישְׁט נֶעמֶען אַ שְׁוַואכֶע כְּלִי אוּן קְלַאפְּן דֶערוֹיף וַוייל עֶס וֶועט זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן, "וּמִי הוּא בּוֹדֵק, בְּקַנְקַנִּים יָפִים", עֶר נֶעמְט דִי גוּטֶע שְׁטַארְקֶע כֵּלִים, "אֲפִלּוּ מַקִּישׁ עֲלֵיהֶם כַּמָּה פְּעָמִים אֵינָם נִשְׁבָּרִים", אֲפִילוּ עֶר הַאקְט אוֹיף זֵיי שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ - צֶעבְּרֶעכְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט, "כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶת הָרְשָׁעִים אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי אוֹיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט נִישְׁט דִי רְשָׁעִים - נָאר דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "ה' צַדִּיק יִבְחָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס צַדִּיקִים.

נָאךְ זָאגְן זֵיי: "הַפִּשְׁתָּנִי הַזֶּה בְּשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ יָפָה כָּל שֶׁהוּא כּוֹתְשָׁהּ הִיא מִשְׁתַּבַּחַת", וֶוען מֶען הָאט גוּטֶע פְלַאקְס - דֶעמָאלְט קֶען מֶען דָאס גוּט אוֹיסְקְלַאפְּן, עֶס וֶוערְט בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, "וְכָל זְמַן שֶׁהוּא מַקִּישׁ עָלֶיהָ הִיא מִשְׁתַּמֶּנֶת", וִוי מֶער מֶען קְלַאפְּט דֶערוֹיף וֶוערְט עֶס פֶעטֶער, "וּבְשָׁעָה שֶׁהוּא יוֹדֵעַ שֶׁהַפִּשְׁתָּן שֶׁלּוֹ רָעָה, אֵינוֹ מַסְפִּיק לָקוּשׁ עָלֶיהָ אַחַת עַד שֶׁהִיא פּוֹקַעַת", אוּן וֶוען דִי פְלַאקְס אִיז אַ שְׁוַואכֶע - דֶעמָאלְט קְלַאפְּט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם, וַוייל עֶס וֶועט צוּגְרִינְד גֵיין, "כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶת הָרְשָׁעִים אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי אוֹיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט נִישְׁט דִי רְשָׁעִים - נָאר דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "ה' צַדִּיק יִבְחָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס צַדִּיקִים.

נָאךְ זָאגְן זֵיי: "מָשָׁל לְבַעַל הַבַּיִת שֶׁהָיָה לוֹ שְׁתֵּי פָּרוֹת", עֶס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אֵיינֶער וָואס הָאט צְוֵויי קוּעֶן, "אַחַת כֹּחָהּ יָפֶה וְאַחַת כֹּחָהּ רַע", אֵיין קוּ אִיז אַ שְׁטַארְקֶע אוּן אֵיינֶע אִיז אַ שְׁוַואכֶע, "עַל מִי הוּא נוֹתֵן אֶת הָעֹל",

אוֹיף וֶועלְכֶע קוּ לֵייגְט עֶר אַרוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט? "לֹא עַל זֹאת שֶׁכֹּחָהּ יָפֶה", אוֹיף דִי קוּ וָואס אִיז שְׁטַארְק, "כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶת הַצַּדִּיקִים, שֶׁנֶּאֱמַר, ה' צַדִּיק יִבְחָן", אַזוֹי טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר פְּרוּבִּירְט אוֹיס נָאר דִי צַדִּיקִים, עֶר וֵוייסְט אַז זֵיי הָאבְּן כֹּחוֹת, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט צַאמְפַּאלְן, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן בַּיי דִי אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, וֶועסְט נָאךְ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

...

## דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בְּרֶענְגֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ דִיר גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן פוּן וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ דֶערְווּיסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; זַייט דוּ הֶערְסְט דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן - הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין דִי גוּטֶע וֶועג, דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים; מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר'ן לֶעבְּן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דָארְט גוּטֶע עֵצוֹת

און חִיזוּק וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצה): "אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי אֵלָיו, וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ", וֶוען אִיר וָואלְט וֶוען גֶעטְרָאפְן אַן אוֹצָר, וָואלְט אִיר דָאךְ זִיכֶער אַהִין גֶעלָאפְן און גֶעגְרָאבְן צוּ זוּכְן וִוי מֶער מֶען קֶען נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹצָר, אִיר וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּקְט צִי אִיר וֶוערְט שְׁמוּצִיג, נָאר אִיר וָואלְט אַרַיינְגֶעקְרָאכְן אִין בְּלָאטֶע אַבִּי צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹצָר, "וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם, וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי לְקַבְּלוֹ", אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פַארְוָואס לוֹיפְט אִיר מִיר נִישְׁט נָאךְ צוּ נֶעמֶען פוּן מַיין אוֹצָר?! וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ: "אֵיךְ אֶפְשָׁר לְקַבֵּל", הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען פוּן דֶעם אוֹצָר?" וְהֵשִׁיב: "עִם הַפֶּה וְהַלֵּב צְרִיכִין לַחְתֹּר וּלְבַקֵּשׁ, 'מִיטְ'ן פִּיסְק און מִיטְ'ן הַארְץ', בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## "שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אִיז שׁוֹין דָא!"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען רוֹימְט שׁוֹין אוֹיס דִי חָמֵץ פוּן אַלֶע שְׁטוּבֶּער אוּן מֶען קוֹיפְט אַיין פֵיינֶע עֶסְן אוּן נֵייעֶ קְלֵיידֶער פַאר דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח.

אָבֶער בַּיי רֶבִּי נָתָן אִין שְׁטוּבּ אִיז גָארְנִישְׁט דָא, רֶבִּי נָתָן דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח; דִי קִינְדֶער וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן: "טַאטֶע וָואס וֶועט דָא זַיין?" "טַאטֶע מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח!"

קִינְדֶער, אִיר מֵיינְט אַז רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן צֶעבְּרָאכְן? וָואס טְרַאכְט אִיר, אִיר מֵיינְט רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן דֶערְבִּיטֶערְט? נֵיין, חַס וְשָׁלוֹם! אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז יְשׁוּעַת ה' כְּהֶרֶף עַיִן, אָט קוּמְט דִי יְשׁוּעָה.




וָואס וֶועט דָא זַיין?!

מֶען שְׁטֵייט שׁוֹין צְוֵויי טֶעג פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אִין שְׁטוּבּ... דִי טָאכְטֶער קוּמְט אַרַיין אוּן וֵויינְט: "טַאטֶע, שׁוֹין צְוֵויי טֶעג פַאר פֶּסַח, וָואס וֶועט דָא זַיין? מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב!" רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט אִיר: "עֶס אִיז טַאקֶע גָארְנִישְׁט דָא?!" זָאגְט זִי: "מִיר הָאבְּן נָאר וַואסֶער, אוֹיסֶער וַואסֶער הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט!" דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרֵייט אוֹיס

הוֹיךְ: "שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אִיז דָא! אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דִי וַואסֶער, פַארְוָואס זָאגְסְטוּ עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא? עֶס אִיז דָאךְ דָא וַואסֶער! לָאמִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן גְרוֹיסֶע נִסִים".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶועןֹ, פְּלוּצְלוּנְג עֶפְנְט זִיךְ דִי טִיר, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַ אָנְגֶעפִּילְטֶע וָואגְן מִיט עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן וָואס נִישְׁט. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אִיר זֶעט דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט? לָאמִיר וַוייטֶער דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן נָאךְ נִסִים".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה? נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען אִיז אִין אַ צָרָה, נָאר זוּכְן דָאס גוּטְס אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעבְּן נָאךְ גוּטְס.

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

איף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'

## יואל רוטה

שליט"א

היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש

**718-387-2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק צום טיר

goodpointmediainc@gmail.com